Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 167 | לאדז, מאנטאג ו׳ מנחם אב תרצ״א | ניינטער יאהרגאנג | Łódź, Poniedziałek ,20 lipca 1931 r. | № 167

דרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71. — Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.


# דייטש-פראנצויזישע קאנפערענץ אין פאריז האט זיך נעכטען ביינאכט געענדיגט אהן ארעזולטאט

# היינט מיניסטארן-קאנפערענץ אין לאנדאן

פ א ר י ז, 19 (ספ. טעל.)

היינט 2 ביינאכט האט זיך אין פאריז געענ־דיגט די קאנפערענץ מיט די פארשטעהער פון דער דייטשער רעגירונג מיט קאנצלער ברינינג בראש, און פון דער פראנצויזישער רעגירונג מיט׳ן פרעמ־יער לאוואל בראש.

די קאנפערענץ האט זיך געענדיגט מיט גארנישט.

ביידע צדדים זענען נישט געקומען צו א הסכם.

די פארשטייער פון דער דייטשער רעגירונג האבען ערקלערט, אז די פראנצויזישע פארשלאגען קענען נישט אננעהמבאר, און דערמיט זענען זיך ביידע צדדים פונאנדערגעגאנגען

די שטימונג ביי דער דייטשער דעלעגאציע איז א געדריקטע, און ווידער איז די גאנצע האפ־נונג געווענדעט אויף לאנדאן.

## אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט

### געווענדעט אויף דער היינטיגער קאנ־פערענץ אין לאנדאן

ל א נ ד א ן 19 (ספ. טעל.)

דא קומט פאר די קאנפערענץ פון די מיניס־טארען מיט׳ן אנטייל פון פראנקרייך.

די דאזיגע קאנפערענץ וועט האבען א דע־צידירענדע בעדייטונג פאר דער איצטיגער לאגע אין דייטשלאנד.

די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט איז אויף איהר געווענדעט.

אין דער דאזיגער קאנפערענץ נעהמען אויך אנטייל פארשטעהער פון אמעריקא.

## סאנקציעס געגען שולדיגע אין א מלחמה

### א פארשלאג פון דער סאציאליסטישער קאנפערענץ אין בעלגיען

ב ר י ס ל, 19 (ספ. טעל.) אויף א קאנפע־רענץ פון דער סאציאליסטישער פארטיי איז בע־טראכט געווארען די פראגע וועגען דעם איגטער־נאציאנאלען סאציאליסטישען קאנגרעס, וואס וועט פארקומען אין וויען ענדע דעם מאנאט.

אויף דער סאציאליסטישער קאנפערענץ אין בעלגיען איז אנגענומען געווארען א פארשלאג, אז דער אלוועלטליך-אינטערנאציאנאלער סאציאליסטי־שער קאנגרעס זאל קודם כל בעטראכטען די פראגע פון אן׳אלגעמיינער אנטוואפנונג אויף דער וועלט, און אויף דער מלוכה וועלכע וועט זיין די ערשטע שולדיג אין א מלחמה, זאל ערקלעהרט ווערען אן׳אלגעמיינער עקאנאמישער אוןווירטשאפטליכער בויקאט.

## בלוטיגער שטרייק-קאמף אין סעווילע

ס ע ו ו י ל י א, 19 (ספ. טעל.)

בעת א קאמף פון שטרייקענדע מיט שטרייק־ברעכער אין עטליכע פאבריקען איז געפאלען 1 טויטער און 20 פארוואונדעטע.

---

גוהם ונרעש מהאסון הגדול שנקטפה במבחר עלומיה האשה הגדולה אוצר חכמת ישראל ויראת ד׳, הצדקנית, הצנועה והעדינה רחמניה ומובת לב

## הרבנית שרה רבקה מייזל נ״ע

אשת הרב הגאון ר׳ אליעזר יצחק מייזל שליט״א.

בת הגאון רשכבה״ג ר׳ אלי׳ זצ״ל אבד״ק פרושאני

אבן מקיר תזעק להאי שופרא דבלי בארעא, חבל על דאבדין ולא משתכחין!

מביע אני בזה את רגשי צערי מעומקא דלבא. ל א י ש ה ל ב הרב ר׳ אליעזר יצחק שליט״א וכל המשפחה

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

**יעקב שלאמאוויטש.**

---

נדהמים ונרעשים מהאסון הנורא שקרה לחבר ועדינו

## הרב ר׳ אליעזר יצחק מייזל שליט״א

בהלקח ממנו ברמי ימיה רעיתו היקרה, הצנועה, החשובה, המיוחסת, המשכלת, אשר כתבי הקו״ש ידעה בעל פה, וגם היה לה ידיעה במאמרי חז״ל

## הרבנית שרה רבקה

בת הרה״ג ורשכבה״ג ר׳ אליהו זצ״ל פייבשטייך שהיה ראב״ד בפרושאני

נפטרה והובלה למנוחת עולם ביום ו׳ עש״ק דברים, ג׳ מנחם אב תרצ״א בלודז.

המקום ינחם את בעלה ואת בתה היחידה וכל משפחתה בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

**ועד התלמוד-תורה ע״ש הרהגה״צ רבינו אלי׳ חיים מייזל זצ״ל**

---

# ענטשולדיגונג.

איך אונטערגעשריבענער ענטשולדיג מיך פאר׳ן הערן **זעליג ראפּאפּורט** און עס טוט מיר לייד וואס איך האב געגען איהם שלעכט געהאנדעלט אין ווישניאווע-גורא, און בעדויער זעהר מיין שלעכטע טאט.

**אהרן ראזענבערג**

זשעראמסקיעגא 14

3972

---

על שברון לבנו אשר נלקחה מאתנו הרבנית, הצנועה והמצויינת בתו״י האשה הגדולה והצדקנית שלשלת היוחסין

## שרה רבקה מייזל נ״ע

אשת רבינו הרב הגאון ר׳ אליעזר יצחק מייזל שליט״א

בת הגאון רשכבה״ג ר׳ אלי׳ זצ״ל פייבשטייך אבד״ק פרושאני

לשנת הארבעים ושתים לימי חי׳. הלוית הנפטרת היתה ביום ו׳ עש״ק, ג׳ מנחם אב בעיר לודז.

משתתפים אנחנו בצערו של רבינו הרב הגאון ר׳ אליעזר יצחק שליט״א ומביעים בזה את רגשי צערינו: המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

**תלמידיו ומוקיריו.**

---

# מאשין-מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע ווי אויך מצה-מעהל. אייער-פערפעל אין סובארקעם לויט קארלסבאדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בע־קאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראל בעוואוסטער **צוקערניע**

## נ. ווייבערג

## 38 פּיעטריקאווער 38

:–: טעלעפאן 143-82. :–:

אכטונג! עס ווערען אויך ארויסגעגעבען

**פריהשטיקען, אווענד-ברויטען**

ווי אויך **יארסקע מיטאגען**

---

## אכטונג יובילער, זייגערמאכער און גראווירער!

מארגען, דינסטאג, דעם 21-טען יולי פינקטליך 7 א זייגער אין אוונד צום ערשטען טערמין און 8 א זייגער צום 2-טען טערמין וועט פאר־קומען אין לאקאל פון שטאם-ראט, פאמארסקא 16 די

# אלגעמיינע פערזאמלונג

## פון צעך

מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג: 1) וואהלען פון א עלסטען, אונטערעלטסטע און פערוואלטונג; 2) פרייע פארשלאגען.

די וואהלען ווערען דורכגעפיהרט אונטער די פיהרונג פון דער אויפ־זיכטס-מאכט. מיטגלידער, וועלכע זענען שולדיג מעהר אלס 2 מאנאטען ביישטייער האבען נישט קיין שטים-רעכט. מ׳בעט מיטברענגען די איינלאדונג.

מיט אכטונג די פערוואלטונג.

3963

---

אונזער חשובן עהרען-מיטגליד הרב

## ר׳ לייזער איטשע מייזעל

צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכער פ ר ו י

האשה הצנועה נ״ע

## שרה רבקה

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל מיט די טראדי־ציאנעלע ווערטער: המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג

**פון „נותן לחם"**

אין לאדז, סאלנא 14.

3973

